בעזרת השם יתברך

פרשת תרומה

ד' אדר ה'תשפ"ג

שנה 4, גליון 11 (98)

# גליון סיפורי מעשיות

פארן שבת טיש

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יג, דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס.**

### אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַז מֶען הָאט גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַ מְדִינָה, בִּשְׁעַת מֶען אִיז אַנְטְלָאפְן אִיז פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אִין אַ וַואלְד צְוֵויי קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן פִיר פִינְף יָאר, אַ אִינְגְל אוּן אַ מֵיידְל, דִי קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין עֶסְן, הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוֵויינְט.

### בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז דָא אוֹיס אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין עֶסְן, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

אוֹיךְ זֶעט מֶען דָא 'וִוי אַזוֹי צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן', אַזוֹי וִוי קְלֵיינֶע קִינְדֶער בֶּעטְן, פִיר פִינְף יֶערִיגֶע קִינְדֶער הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קַיין 'נוּסַח הַתְּפִלָּה' וִוי אַזוֹי צוּ בֶּעטְן עֶסְן, זֵיי בֶּעטְן פוּן זֵייעֶר טַאטֶע מַאמֶע פָּשׁוּט'עֶרְהֵייט, אַזוֹי פָּשׁוּט דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען אִיז גֶעדְרוּקְט אִין גֶעלְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַארְף בְּרוֹיט", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַארְף פַּרְנָסָה".

### אַ פַארְלוֹירֶענֶער אִין וַואלְד

הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ גֵיין אַ 'בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער' אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן בְּרוֹיט, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועק גֵיין פוּן זֵיי, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל זֵיי מִיטְנֶעמֶען מִיט זִיךְ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל זֵיי נִישְׁט מִיטְנֶעמֶען, עֶר הָאט זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט אוּן אִיבֶּער גֶעלָאזְט אַבִּיסְל בְּרוֹיט אוּן אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, אַזוֹי הָאט זִיךְ דִי מַעֲשֶׂה אִיבֶּער גֶע'חַזֶר'ט זִיבְּן מָאל, דֶערְפַאר הֵייסְט דִי מַעֲשֶׂה "דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס", יֶעדֶעס מָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַן אַנְדֶערֶע בֶּעטְלֶער, אַ בְּלִינְדֶער, אַ טוֹיבֶּער, אֵיינֶער וָואס שְׁטָאמְפְּלְט זַיינֶע רֵייד, מִיט אַ קְרוּמֶע הַאלְז, מִיט אַ הוֹיקֶער, אָן הֶענְט אוּן אָן פִיס.

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעזָאגְט: "'אֵין אָדָם עוֹמֵד עַל דַעַת רַבּוֹ אֶלָא אַחַר אַרְבָּעִים שָׁנָה' (עֲבוֹדָה זָרָה ה:), יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דִי אַלֶע זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס זֶענֶען אֵיין מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלֵיינְס, דִי זִיבְּן זַאכְן זֶענֶען דִי 'זִיבְּן בְּחִינוֹת' צוּ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען".

פַארְוָואס הָאבְּן דִי בֶּעטְלֶערְס נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיטְנֶעמֶען דִי קִינְדֶער מִיט זִיךְ? נָאר וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶפְנְט זִיךְ אַ נֵייעֶ וֶועלְט, מֶען הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ מְחַיֶה, דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט זִיךְ מַמָּשׁ וִוי אִין גַן עֵדֶן, עֶר הָאט זִיךְ צוּ וֶועמֶען אוֹיסְצוּרֶעדְן אוּן מִיט וֶועמֶען צוּ שְׁמוּעֶסְן, אוּן מֶען וִויל שׁוֹין בְּלַייבְּן אִין דֶעם הוֹיכְן מַדְרֵיגָה אַ גַאנְץ לֶעבְּן, דַארְף מֶען אָבֶּער וִויסְן אַז דָאס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, מֶען וֶוערְט נִישְׁט אַ צַדִּיק אִין אֵיין מִינוּט, קוֹדֶם גֵיי דַיין וֶועג, הֵייבּ אַלֵיינְס אָן אַרְבֶּעטְן, הֵייבּ אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֵּין כַּךְ וּבֵין כַּךְ גֵייט מֶען אַרִיבֶּער נְפִילוֹת אוּן יְרִידוֹת, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ וִוי אַ פַארְלוֹירֶענֶער אִין וַואלְד, זָאלְסְטוּ וַוייטֶער טוּן דִי עֵצָה וָואס דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעטוּן, שְׁרֵיי אוּן וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ נָאכְאַמָאל זוֹכֶה זַיין דֶער צַדִּיק וֶועט זִיךְ אַנְטְפְּלֶעקְן צוּ דִיר.

### וָואס וֶועט מָשִׁיחַ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט?

וָואס וֶועט מָשִׁיחַ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט? מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען, אַז מֶען הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם אִיז דָא אֵיין אַדְרֶעס, גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וֶועלְן אַוֶועק גֵיין. דָאס וֶועט מָשִׁיחַ אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, נִישְׁט נָאר פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אֲפִילוּ פַאר דִי גוֹי'אִישֶׁע פֶעלְקֶער.

### דָאס אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע פְּרָאבְּלֶעם

מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען יֶעדְן אֵיינֶעם, בֶּעט נִישְׁט קַיין טוֹבוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן, טְרָאסְט נִישְׁט קֵיינֶעם, גְלֵייבּ נִישְׁט אִין קֵיינֶעם, גְלֵייבּ נָאר אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אוּן עֶר טְרַאכְט: 'אִיךְ הָאבּ אַ נָאנְטֶער חַבֶר, אִיךְ וֶועל אִים בֶּעטְן גֶעלְט אוּן עֶר וֶועט מִיר זִיכֶער הֶעלְפְן', אִיז דָאס נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע פְּרָאבְּלֶעם וִוי דֶער פְּרָאבְּלֶעם אַלֵיינְס, דָאס אִיז דָאךְ דֶער גְרֶעסְטֶער פְּרָאבְּלֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ פַארְזִיכֶערְט זִיךְ אִין אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן! מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט דֶעם שֵׂכֶל, אַז דוּ הָאסְט אַ פְּרָאבְּלֶעם, דוּ דַארְפְסְט עֶפֶּעס, גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### ווי אַזוֹי וֶוערְט מֶען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר?

וָואס אִיז 'בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידוּת'? וָואס אִיז דִי בְּרֶסְלֶב'עֶר לִימוּד? דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז יֶעצְט אִין גָלוּת דָאס וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רסו): "צְוִוישְׁן מִיר אוּן מָשִׁיחַ אִיז נִישְׁט דָא קַיין חִילוּק, נָאר אֵיין חִילוּק אִיז דָא, בַּיי מָשִׁיחַ וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין קַיין בְּחִירָה אוּן יֶעצְט אִיז נָאךְ דָא דִי בְּחִירָה".

אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן: 'וָואס אִיז בְּרֶסְלֶב?' 'וִוי אַזוֹי דַארְף מֶען גֵיין אָנְגֶעטוּן צוּ זַיין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר?' 'וואוּ דַארְף מֶען וואוֹינֶען, וֶועלְכֶע נִיגוּן דַארְף מֶען זִינְגֶען, אוּן וֶועלְכֶע עֶסְן דַארְף מֶען עֶסְן צוּ זַיין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר?'... דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: 'בְּרֶסְלֶב' הָאט גָארְנִישְׁט מִיט דִי אַלֶע זַאכְן, מֶען קֶען עֶסְן וָואס מֶען גְלַייכְט אוּן זִינְגֶען וֶועלְכֶע סָארְט נִיגוּן מֶען הָאט לִיבּ, 'בְּרֶסְלֶב' אִיז רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט זַיין פַארְקִילְט", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט הִיסְן", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ דַארְף מַאכְן אַ סוּכָּה, אִיךְ דַארְף ד' מִינִים, אִיךְ דַארְף בְּרֶענְגֶען גֶעלְט אוֹיף יוֹם טוֹב", בֶּעט אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין פְרֵיילִיךְ".

### שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

הִתְבּוֹדְדוּת אִיז נִישְׁט נָאר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר אוֹיךְ שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט דִיר, אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף דִיר אַרִיבֶּער.

דָאס הָאבְּן דִי קִינְדֶער גֶעטוּן אִין וַואלְד, זֵיי הָאבְּן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ גֵיין דֶער צַדִּיק וָואס הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן.

### דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

דֶערְנָאךְ, אִיז בַּיי זֵיי וַוייטֶער דָאס בְּרוֹיט אוֹיסְגִיגַאנְגֶען. הָאבְּן זֵיי אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ גֵיין אִין יִשּׁוּב אַרַיין, בִּיז זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אַ וֶועג. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען מִיט דֶעם וֶועג. בִּיז זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אַ דָארְף. זֶענֶען דִי קִינְדֶער אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין אַ שְׁטוּבּ אַרַיין. הָאט מֶען אוֹיף זֵיי רַחֲמָנוּת גִיהַאט. אוּן מֶע הָאט זֵיי גִיגִיבְּן בְּרוֹיט. זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער אִין אַ שְׁטוּבּ אַרַיין גִיגַאנְגֶען. הָאט מֶען זֵיי דָארְט אוֹיךְ גִיגִיבְּן בְּרוֹיט. פְלֶעגְן זֵיי גֵיין אִין דִי הַייזֶער. הָאבְּן זֵיי גִיזֶעהְן סֶע גוּט, מֶע גִיט זֵיי בְּרוֹיט.

### אַרוּמְגֵיין נָאךְ גֶעלְט

דִי קִינְדֶער זֶענֶען אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען קְלֵייבְּן עֶסְן בַּיי דִי הַייזֶער, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקֶ'עט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רנג) אַז וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה מֶעג צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה פַאר זִיךְ; דָאס אִיז דִי עֵצָה וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, מֶען זָאל אַרוּמְגֵיין בַּיי דִי הַייזֶער נָאךְ גֶעלְט.

מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אַרוּמְצוּגֵיין נָאךְ גֶעלְט, אַנְשְׁטָאט זַיין אַ 'מְקַבֵּל', אַרוּמְגֵיין בַּיי דִי הַייזֶער בֶּעטְן צְדָקָה, זַיי אַ 'מַשְׁפִּיעַ', גֵיי אַרוּם פַארְשְׁפְּרֵייטְן בַּיי דִי הַייזֶער הִתְחַזְּקוּת, סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים, סִידּוּ'ס אוּן יוּ עֶס בִּי'ס פוּן רֶבִּי'ן, זַיי מְחַיֶּה אַנְדֶערֶע אִידְן, לֶעבּ אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ וִויסְן פוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, נָאכְדֶעם פְרֶעג זֵיי צִי זֵיי ווילְן גֶעבְּן עֶפֶּעס פַאר צְדָקָה, קוּמְט אוֹיס דוּ בִּיסְט נִישְׁט אַ מְקַבֵּל, נָאר אַ מַשְׁפִּיעַ.

הָאבְּן דִי קִינְדֶער צְווִישְׁן זִיךְ גִימַאכְט אַז זֵיי זָאלְן תָּמִיד זַיין אִין אֵיינֶעם.

### אַ גוּטֶער חַבֶר

דָאס אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, מֶען זָאל הָאבְּן אַ גוּטֶער חַבֶר; אַ מֶענְטְשׁ מוּז הָאבְּן אַ גוּטֶער חַבֶר, אַז מֶען הָאט אַ גוּטֶער חַבֶר אִיז גְרִינְגֶער זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, סֵיי וֶוען מֶען הָאט בְּרוֹיט אוּן סֵיי וֶוען דִי בְּרוֹיט לָאזְט זִיךְ אוֹיס אוּן מֶען זוּכְט נָאכְאַמָאל בְּרוֹיט.

וָואס מֵיינְט 'אַ גוּטֶער חַבֶר'? אַ גוּטֶער חַבֶר אִיז אֵיינֶער מִיט וֶועמֶען מֶען שְׁמוּעֶסְט אִיבֶּער וָואס מֶען הָאט גֶעהֶערְט בַּיים רֶבִּי'ן, וָואס מֶען הָאט בַּאקוּמֶען בַּיים רֶבִּי'ן, מֶען דֶערְצֵיילְט וֶועלְכֶע שִׂיחָה, וֶועלְכֶע דִיבּוּר, וֶועלְכֶע תּוֹרָה, הָאט מִיר הַיינְט גֶעטְרָאגְן אוּן גֶעגֶעבְּן כֹּחַ. אַז מֶען הָאט אַ גוּטֶער חַבֶר קֶען מֶען זִיךְ צוּזַאמֶען מְחַיֶּה זַיין אוּן מְחַזֵּק זַיין.

### אַ לִיכְטִיגְקֵייט וָואס פָּארְט אוּן קוּמְט צוּרִיק

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קפד) וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט אַ צְוֵוייטְן דִיבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת וֶוערְט אַן 'אוֹר יָשָׁר' אוּן אַן 'אוֹר חוֹזֵר', אַ לִיכְטִיגְקֵייט וָואס פָּארְט אוּן אַ לִיכְטִיגְקֵייט וָואס קוּמְט צוּרִיק; דָאס הֵייסְט, אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיינְס מְחַזֵּק זַיין, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה:) 'אֵין חָבוּשׁ מַתִּיר עַצְמוֹ מִבֵּית הָאֲסוּרִים', אָבֶער אַז דוּ טְרֶעפְסְט אַ צְוֵוייטְן אוּן דוּ זָאגְסְט אִים אִיבֶּער אַ דִיבּוּר פוּן רֶבִּי'ן, אַ דִיבּוּר פוּן הִתְחַזְּקוּת, זָאגְט דֶער רֶבִּי: נִישְׁט נָאר יֶענֶער וֶוערְט מְחוּזָק, נָאר יֶעצְט הֵייבְּט שׁוֹין אָן דִי חִיזּוּק צוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיךְ אוֹיף דִיר; וֶוען דוּ אַלֵיינְס לֶערְנְסְט דֶעם תּוֹרָה פוּן רֶבִּי'ן, שַׁיינְט עֶס נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק, אָבֶער וֶוען דוּ זָאגְסְט עֶס אִיבֶּער פַאר אַ צְוֵוייטְן שַׁיינְט עֶס מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע לִיכְטִיגְקֵייט.

דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶער חַבֶר, נִישְׁט סְתָּם אַ חַבֶר צוּ שְׁמוּעֶסְן וְכוּ', נָאר אֵיינֶער מִיט וֶועמֶען מֶען שְׁמוּעֶסְט פוּן רֶבִּי'ן, אִיךְ קֶען אִים דֶערְצֵיילְן וָואס אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן, וָואס אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעלֶערְנְט פוּן רֶבִּין, אוּן וִוי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ זִיךְ הַיינְט מְחַזֵּק גֶעוֶועןמִיטְ'ן רֶבִּי'ן.

### זֵיי זֶענֶען אַלְץ פְּרִישׁ

דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים זֶענֶען בֶּעסֶער מַצְלִיחַ, זֵיי זֶענֶען אַלְץ פְּרִישׁ, דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט בַּיי זֵיי עֶפֶּעס אַן אַלְטֶע אָפְּגֶעוֶועטְשְׁטֶע זַאךְ, נָאר עֶס אִיז בַּיי זֵיי פְּרִישׁ, 'אַה, מֶען גֵייט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן', אַה, מִיר הָאבְּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִילָּה', אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט זִיךְ אֵיינֶער פַארְ'ן צְוֵוייטְן "אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן כַּךְ וְכַךְ אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן".

### מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִילָּה

אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג אִיז דָא אַסַאךְ וָואס צוּ דֶערְצֵיילְן, "אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ נֵס, אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט הָאבְּן אַן אֶתְרוֹג, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַן אֶתְרוֹג", אַזוֹי אוֹיךְ מִיט אַלֶע ד' מִינִים, אוּן מִיט אַ סוּכָּה, יֶעדֶע זַאךְ הָאט מֶען גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן.

### דִי נְסִיעָה קַיין אוּמַאן

אָפְּגֶערֶעדְט אִיבֶּער דִי נְסִיעָה קַיין אוּמַאן הָאט מֶען גָאר אַסַאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט; אַ גַאנְץ יָאר הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; אִיךְ וֶועל זָאגְן דֶעם אֶמֶת, וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִין פְּשֶׁעמִישְׁל אוּן גֶעוַוארְט זֵייעֶר לַאנְג אוֹיף דִי בַּאן וָואס וֶועט פָארְן קַיין וִוינִיצֶע, הָאבּ אִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעטְרַאכְט ׳אֶפְשָׁר אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ אַ וִויץ...׳ מֶען אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעוַוארְט אוֹיף דִי בַּאן אוּן עֶס קוּמְט נִישְׁט אָן, אִיךְ הָאבּ מוֹרָא גֶעהַאט אַז דֶער עוֹלָם וֶועט בַּאפַאלְן דֶעם אָנְפִירֶער פוּנֶעם נְסִיעָה... הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ בֶּעטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר זָאלְן אָנְקוּמֶען קַיין אוּמַאן", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר זָאלְן אָנְקוּמֶען קַיין אוּמַאן"**, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל אָנְקוּמֶען אוּן אַהֵיימְפָארְן מִיט אַלֶע מַיינֶע פֶּעקְלֶעךְ; דָאס יָאר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער נֵס, עֶס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע יָאר וָואס בְּלוֹיז אֵיין אָדֶער צְוֵויי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן פַארְלוֹירְן זֵייעֶרֶע פֶּעקְלֶעךְ, אַלֶע יָארְן הֶערְט מֶען צֶען, צְוָואנְצִיג, דְרַייסִיג, פֶערְצִיג, פוּפְצִיג, מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן פַארְלוֹירְן זֵייעֶרֶע פֶּעקְלֶעךְ, זֶעט מֶען דִי גְרוֹיסֶע כֹּחַ וָואס תְּפִלָּה הָאט.

#### אַ אִינְגְל בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?...

דָאס דַארְף מֶען דֶערְצֵיילְן פַאר אַ חַבֵר, וֶועט עֶס וֶוערְן אַ לֶעבֶּעדִיגֶע זַאךְ, נִישְׁט קַיין פַארְשְׁלָאפֶענֶע זַאךְ, אוּן אַז מֶען הָאט קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים מַאכְט מֶען אַן עֵסֶק פוּן דֶעם, מֶען פְרֶעגְט: **"וֶוער הָאט אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה?"** דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אִינְאֵיינֶעם בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אוּן מֶען רֶעדְט מִיט דִי קִינְדֶער פוּן תְּפִלָּה, מֶען מַאכְט אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן דֶערְצֵיילְן אֵיינֶער פַארְ׳ן צְוֵוייטְן ׳מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִילָּה׳, **"אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן"**.

בַּאלְד וֶועט מֶען קוּמֶען צוּ אַ זֵיידֶע אוּן דֶער קִינְד וֶועט אִים דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה, וֶועט זִיךְ דֶער זֵיידֶע נִישְׁט קֶענֶען אִיבֶּערְקוּמֶען, **"אַזַא זַאךְ? אַ קְלֵיין אִינְגֶעלֶע בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?!"** עֶס אִיז אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט, עֶס אִיז אַזַא וַוייטֶע זַאךְ בַּיי מֶענְטְשְׁן, מַמָּשׁ מֶען וואוּנְדֶערְט זִיךְ וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַ אִינְגְל בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?...

### גַן עֵדֶן אוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ

בַּיי דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה קוּק אִיךְ צוּ בַּיי דִי חוּפָּה, זֶע אִיךְ אַ פֶּלֶא׳דִיגֶע זַאךְ, דֶער חָתָן וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה זֶעט מֶען וִוי זַיינֶע לִיפְּן שָׁאקְלֶען זִיךְ, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוידֶער דִי צְוֵויי מְחוּתָּנִים וֵוייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן בַּיי דִי חוּפָּה; דֶער אִיז אִין ׳גַן עֵדֶן׳, דֶער אִיז אַן אוֹיסְגֶעלֵייזְטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אַנְדֶערֶער אִיז אִין ׳עוֹלָם הַתֹּהוּ׳.

### דֶער 'דִיבּוּר' קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

דֶער ׳דִיבּוּר׳ קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִין חַבַּ״ד רֶעדְט מֶען פוּן מַחֲשָׁבָה, פוּן זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זַיין אִין גַּדְלוּת הַבּוֹרֵא, דָאס אִיז טַאקֶע גָאר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ שְׁטֶערְקֶערֶע זַאךְ, דָאס קְלֶעבְּט מַמָּשׁ צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

#### וִוי אַזוֹי וֶוערְן מַאן אוּן וַוייבּ צֶעקְרִיגְט?

לָאמִיר עֶס מַסְבִּיר מִיט אַ מָשָׁל פוּן מַאן אוּן וַוייבּ, ׳וִוי אַזוֹי וֶוערְן מַאן אוּן וַוייבּ אֵיינְס?׳ נִישְׁט אַלֶע וֵוייסְן דָאס צוּ עֶנְטְפֶערְן, אָבֶּער ׳וִוי אַזוֹי וֶוערְן מַאן אוּן וַוייבּ צֶעקְרִיגְט?׳ דָאס וֵוייסְט יֶעדֶער, אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט, דָאס מֵיינְט אַז מֶען אִיז צֶעקְרִיגְט.

אַ קְלוּגֶע פָארְפָאלְק וִויל דָאךְ נִישְׁט אַז דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה זָאל זִיךְ דֶערְוִויסְן אַז זֵיי זֶענֶען צֶעקְרִיגְט, לֶעבְּן זֵיי וַוייטֶער דִי גֶעהֶערִיגֶע לֶעבְּן פוּן אִינְדְרוֹיסְן, אַלֶעס גֵייט וַוייטֶער אָן גֶעהֶערִיג, מֶען פָארְט אִין קָאנְטְרִי אוּן מֶען קוּמְט צוּרִיק פוּן קָאנְטְרִי; דִי מַאמֶע גְרֵייט אָן יֶעדֶע וָואךְ הֶערְלִיכֶע סְעוּדוֹת, אוּן זִי קָאכְט אֲפִילוּ קְרוֹיט אוּן קְרֶעפְּלֶעךְ; וֶוען דֶער טַאטֶע קוּמְט אַהֵיים פוּן שׁוּל גְרִיסְט עֶר שֵׁיין "גוּט שַׁבָּת" פַאר זַיין וַוייבּ; אוֹיךְ פַאר יוֹם כִּפּוּר גֵייעֶן זֵיי צוּזַאמֶען זִיךְ וואוּנְטְשְׁן בַּיי זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; אִינְדְרוֹיסְן זֶעט אוֹיס וִוי אַלֶעס פָּארְט פֵיין אוּן וואוֹיל, אָבֶּער זֵיי רֶעדְן נִישְׁט צְוִוישְׁן זִיךְ, זֵיי צְוֵויי קוּקְן זִיךְ נִישְׁט אִין דִי אוֹיגְן...

עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ אִיז צוּ מִיר צוּגֶעקוּמֶען אַ אִינְגֶערְמַאן, דֶערְצֵיילְט עֶר, שׁוֹין אַפָּאר יָאר וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט זַיין וַוייבּ, אִיךְ קֶען נָאכְנִישְׁט צוּ זִיךְ קוּמֶען פוּן דֶעם, קֵיינֶער קֶען דָאס נִישְׁט אֲפִילוּ חָלוֹמְ׳עֶן, מִן הַסְּתָם זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס טְרַאכְטְן אוּן פַּיינִיגְן זִיךְ: ׳הַלְוַאי וָואלְט אִיךְ גֶעהַאט אַזַא שְׁטוּבּ וִוי זֵיי׳, פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט אוֹיס אַלֶעס בַּיי זֵיי אַזוֹי גְלַאנְצִיג, זֵיי גֵייעֶן אֲפִילוּ אַמָאל שְׁפַּאצִירְן, אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט אִיז בִּכְלַל נִישְׁטָא קַיין לֶעבְּן צְוִוישְׁן אִים אוּן זַיין וַוייבּ.

#### וִוי אַזוֹי וֶוערְן מַאן אוּן וַוייבּ אֵיינְס?

אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט, וָואס מַאכְט מַאן אוּן וַוייבּ אֵיינְס? דֶער קְלֵיינֶער מוֹיל! מֶען זָאגְט זִיךְ אֵיינֶער פַארְ׳ן צְוֵוייטְן שְׁטִילֶערְהֵייט: **"אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ", "דוּ בִּיסְט אַזוֹי שֵׁיין", "דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ מִיר", "שְׁכוֹחַ"**, דִי פָּשׁוּט׳עֶ וֶוערְטֶער בְּרֶענְגְט נָאנְט אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן.

#### וֶוער וֶועט גֶעבְּן דֶעם גוּט וָוארְט...

שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם מוֹיל, אַז דִי מַאן גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר זַיין וַוייבּ, אוּן דִי וַוייבּ גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר אִיר מַאן, אִיז דָא שָׁלוֹם בַּיִת. דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר, אַז דֶער מַאן חַלִּישְׁט אַז זַיין וַוייבּ זָאל אִים גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן דִי וַוייבּ חַלִּישְׁט אַז אִיר מַאן זָאל אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

פַארְגַאנְגֶענֶעם זוּמֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אִין שְׁטֶעטְל אַ וואוֹילֶער מֶענְטְשׁ, אַ מַגִּיד שִׁיעוּר, עֶר זָאגְט מִיר, "אִיךְ הֶער שְׁטִילֶערְהֵייט אוֹיס דִי דְרָשׁוֹת וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט פַאר דִי פְּרוֹיעֶן, אִיךְ

ווִיל פְרֶעגְן ׳ווִי אַזוֹי קֶען מֶען דָאס טַאקֶע פּוֹעֶלְ׳ן אַז דִי וַוייבּ זָאל גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר אִיר מַאן׳, מַיין וַוייבּ הָאט מִיר נָאךְ זַייט דִי חֲתוּנָה קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעגֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט?״ אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט טְשֶׁעפֶּען הָאבּ אִיךְ אִים נִישְׁט צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט, ״אוּן דוּ הָאסְט שׁוֹין יָא גֶעגֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט פַאר דַיין וַוייבּ זַייט דִי חֲתוּנָה?! הָאסְט שׁוֹין אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר דַיין וַוייבּ אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ?!״

דֶער מַאן גֵייט אוֹיס פַאר אַ גוּט וָוארְט, עֶר וואוּנְדֶערְט זִיךְ: ׳וָואס הֵייסְט, שׁוֹין צְוָואנְצִיג דְרַייסִיג יָאר פוּן דִי חֲתוּנָה אוּן זִי הָאט מִיר נָאכְנִישְׁט גֶעזָאגְט קַיין אַ גוּט וָוארְט׳, אוּן וָואס מֵיינְסְטוּ? דַיין וַוייבּ וַוארְט נִישְׁט פַאר אַ גוּט וָוארְט פוּן דִיר?! מִן הַסְּתָם טְרַאכְט עֶר: מַיין וַוייבּ אִיז אַ אַנְדֶערֶע סָארְט מֶענְטְשׁ, זִי דַארְף נִישְׁט אַ גוּט וָוארְט... שְׁטֵייעֶן דָא צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אוּן וַוארְטְן וֶוער וֶועט גֶעבְּן דֶעם גוּט וָוארְט...

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז צְווִישְׁן דֶער אִיד מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; ׳ווִי אַזוֹי וֶוערְט אַ אִיד אֵיינְס מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן?׳ מִיטְ׳ן דִיבּוּר! דֶער אִיד זָאגְט פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ״, ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל טְרַאכְטְן פוּן דִיר״, ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל לֶעבְּן מִיט דִיר״, אִיז שׁוֹין דָא שָׁלוֹם בַּיִת, דֶער אִיד וֶוערְט אֵיינְס מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דָאס גֶעבְּט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס מִיר זָאלְן רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### טָאג אוּן נַאכְט פַארְנוּמֶען מִיט מִצְוֹת

אִין דִי גְמָרָא (סוּכָּה מו.; מְנָחוֹת מב.) זֶענֶען דָא שִׁיטוֹת צִי מֶען זָאל מַאכְן דִי בְּרָכָה פוּן ׳שֶׁהֶחֱיָינוּ׳ בִּשְׁעַת מֶען בּוֹיעֶט דִי סוּכָּה, וַוייל דָאס בּוֹיעֶן דִי סוּכָּה אִיז אוֹיךְ אַ מִצְוָה, מִיר טוּעֶן דָאס נִישְׁט, וַוייל דִי מִצְוָה עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיטְ׳ן בּוֹיעֶן, דִי מִצְוָה עֶנְדִיגְט זִיךְ עֶרְשְׁט בִּשְׁעַת מֶען זִיצְט יוֹם טוֹב אִין דִי סוּכָּה, מַאכְט מֶען דֶעמָאלְט דֶעם ׳שֶׁהֶחֱיָינוּ׳ בַּיי קִידוּשׁ (פְּרִי מְגָדִים, סִימָן תרכה, אֵשֶׁל אַבְרָהָם סָעִיף קָטָן א).

שְׁרַייבְּט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת דִבְרֵי יוֹאֵל, חֵלֶק אַ׳, סִימָן נז), מִיר מַאכְן טַאקֶע נִישְׁט קַיין ׳שֶׁהֶחֱיָינוּ׳ בִּשְׁעַתְ׳ן בּוֹיעֶן דִי סוּכָּה, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס ׳בּוֹיעֶן אַ סוּכָּה׳ אַ גֶעהֶערִיגֶע חִיּוּב מִן הַתּוֹרָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן (וַיִּקְרָא כג, מב): ״בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים״, אַז עֶס זָאל אַרָאפְּפַאלְן אַ פַארְטִיגֶע סוּכָּה פוּן הִימְל אוּן מֶען זָאל זִיךְ אַרַיין זֶעצְן דֶערִין, זִיכֶער אִיז דִי מִצְוָה מֶען זָאל ׳בּוֹיעֶן אַ סוּכָּה׳ מֶען זָאל קֶענֶען זִיצְן יוֹם טוֹב אִין דֶעם, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז מִיט אַלֶע אַנְדֶערֶע מִצְוֹת, דִי מִצְוָה פוּן שָׁאקְלֶען ד׳ מִינִים, בְּלָאזְן שׁוֹפָר, עֶסְן מַצָה, בַּיי אַלֶעס אִיז דִי מִצְוָה מֶען זָאל אָנְגְרֵייטְן פַאר יוֹם טוֹב אַז מֶען זָאל קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה יוֹם טוֹב. אִיז דָאךְ יֶעצְט זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע צַייט, וַוייל טָאג אוּן נַאכְט אִיז מֶען פַארְנוּמֶען נָאר מִיט מִצְוֹת, צוּ קוֹיפְן דִי ד׳ מִינִים אוּן בּוֹיעֶן אַ סוּכָּה וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: ״שַׁבָּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מֵאִיר עֵינֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּנוּ. אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ, מַה טוֹב חֶלְקֵנוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ״.

כולל היכל הקודש
בנשיאות הראש ישיבה שליט״א

התודה והברכה
לידידינו היקר
ר׳ יצחק אייזיק ראטה נ״י
מקרית ברסלב ליבערטי ניו יארק
שנדב סכום הגון לכוללינו
לעילוי נשמת בת שבע בת הר״ר ישראל יוסף ע״ה

כולל היכל הקודש
בנשיאות הראש ישיבה שליט״א